קול קורא פון רבנים שליט"א:

# 'פרי וואשר ראמעין לעטוס' פון סיי וועלכע פירמע זענען מוחזק בתולעים

## ערשינען נאך שטורמישע אסיפת הרבנים פארגאנגענעם מוצאי שב"ק פ' ויקרא אין קארלסבורגער ביהמ"ד

ניו יארק. – אין די איצטיגע טעג איז פארעפנטליכט געווארן א וויכטיגע קול קורא, וואס אנבאלאנגט יו"ט פסח הבעל"ט און א גאנץ יאר, אז די PRE WASHED ROMAINE LETTUCE פון סיי וועלכע קאמפאני זענען מוחזק בתולעים, און איז אסור צו עסן אן קיין געהעריגע בדיקה. דער קול קורא איז געקומען אין רעזולטאט פון א שטורמישע אסיפה פון גדולי הרבנים שליט"א, וואס איז פארגעקומען פארגאנגענעם מוצאי שב"ק פר' ויקרא העעל"ט, אין קארלסבורגער ביהמ"ד אין בארא פארק.

*

אין די פארגאנגענע חדשים האט זיך געשאפן א שטארקע אויפוואכונג אינעם ענין פון בדיקת תולעים, און עס זענען צושטאנד געקומען שטארקע תיקונים אין די דברים חמורים.

פארגאנגענעם חודש חשון העעל"ט איז פארגעקומען אן אסיפת הרבנים אין קארלסבורגער ביהמ"ד אין בארא פארק, איבער די נושא פון PRE WASHED ROMAINE LETTUCE ביי וועלכן די גדולי הרבנים שליט"א האבן פעסטגעשטעלט אז די דאזיגע לעטוס

(פארזעצונג אויף זייט 105)

# 'פרי וואשד ראמעין לעטוס' פון סיי וועלכע פירמע זענען מוחזק בתולעים

(פארזעצונג פון זייט 15)

זענען ווערעמיג, און זענען אסור צו עסן אן קיין בדיקה כהלכה.

א צייט שפעטער זענען פארגעקומען עטליכע פארזאמלונגען פון נשים צדקניות, ביי וועלכן זיי האבן געהערט דרשות און געזען סליידס, וויאזוי צו נזהר זיין אינעם ענין פון בדיקת תולעים. די אסיפות האבן געצויגן טויזנטער נשים צדקניות, וועלכע האבן געוואלט הערן און וויסן וויאזוי זיך צו פארהיטן פון די הארבע איסורים.

איצט שטייענדיג געציילטע טעג פארן יו"ט פסח הבעל"ט, האבן די רבנים שליט"א זיך נאכאמאל צוזאמגעזעצט איבער דעם היינטיגן פון בדיקת תולעים, לגבי די אויבנדערמאנטע

PRE WASHED ROMAINE LETTUCE

ווי א שטייגער פאר פסח, ווען אידן זוכן צו מקיים זיין מצות מרור כהלכה מיט די ראמעין לעטוס, ווערט די אידישע מארק אנגעפולט מיט פעקלעך חסא פון פארשידענע קאמפאניס.

דעריבער האבן די חשוב'ע רבנים שליט"א געפינען פאר נויטיג זיך צוזאמקומען און איבערשמועסן די ענינים, כדי צו מונע זיין א פירצה אין די הארבע איסורים. פארגאנגענעם מוצאי שב"ק פר' ויקרא העעל"ט, זענען די רבנים זיך צונויפגעקומען אין קארלסבורגער ביהמ"ד, ווען אין שפיץ באשיינט די אנוועזנהייט פון הגה"צ גאב"ד קארלסבורג שליט"א, און ס'האט זיך אנטוויקלט א הלכה'דיגע שמועס איבער די טעמע פון PRE WASHED ROMAINE LETTUCE.

מערקווירדיג, ביי די אסיפה האט זיך אנגעזען א באטייליגונג פון רבנים פון אלע שיכטן און קרייזן, סיי גדולי הרבנים שליט"א, און סיי יונגערע חשוב'ע רבנים שליט"א, וועלכע זענען געקומען מיט'ן ציל צו שטיין על המשמר איבער די הארבקייט פון עסן שרצים רח"ל.

די חשוב'ע עסקנים שיחיו וואס זענען עוסק אויפ'ן דאזיגן געביט, האבן געעפנט עטליכע פעקלעך פון די PRE WASHED ROMAINE LETTUCE, און זיי געוויזן פאר די רבנים. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז זיי זענען מתולעים, ווערעמדיג, וואס מ'טאר נישט עסן, סיידן ס'גייט דורך א געהעריגע בדיקה. אויך האבן זיי געעפנט פעקלעך פון BABY SPINACH, וועלכע זענען אויך געפינען געווארן ווערעמדיג.

די פעקלעך האבן אפילו געטראגן א חותם פון א הכשר, אבער די רבנים שליט"א האבן זיך איבערצייגט אז די לעטוס זענען פארט ווערעמדיג. די רבנים שליט"א האבן דא נאכאמאל מברר געוועזן, אט דאס וואס זיי האבן שוין געהאט מברר געוועזן אין חודש חשון, אז די PRE WASHED ROMAINE LETTUCE זענען בחזקת מתולעים, און דאס וואשן העלפט כלל נישט זיי צו רייניגן פון ווערים.

די גדולי הרבנים שליט"א האבן באלד דערויף געלאזט שרייבן א קול קורא, אין וועלכן זיי שרייבן אט ווי פאלגענד:

## גילוי דעת און ווארענונג

פאר אונז די אונטערגעשריבענע רבנים זענען געעפנט געווארן פארמאכטע פעקלעך פון גרינצייג און אויך "חסא בלעטער" PRE WASHED ROMAINE LETTUCE, READY PAC "און פון די פירמע רעדי פעק ", מיר האבן געזעהן מיט אונזערע אויגן אז עס געפינען זיך אין זיי עטליכע ווערים, כאטש זיי זענען געווען פארזיגלט מיט א זיגל פון א געוויסע "בית דין צדק", און ס'איז געווען אויף זיין אן אויפשריפט אז זיי זענען פון א "ספעציעלע פראדוקציע" און "זענען געווארן איבערגעקוקט און געוואשן ווי ס'שטייט אין שו"ע".

אויך זענען געעפנט געווארן פאר די רבנים שליט"א פארמאכטע פעקלעך מיטן זיגל פון א הכשר פון " DOLE ROMAINE LETTUCE", און אזוי אויך בעיבי ספיניטש " BABY SPINACH" פון די פירמע "רעדי פעק", און מ'האט אין זיי געפינען ווערים.

דערפאר איז אן איסור גמור זיי צו עסן אן קיין בדיקה, און זיי ווערן אריינגערעכנט אין די מודעה און אויפרוף, וואס איז ערשינען פון די רבנים פארגאנגענעם חודש מרחשון, אז מ'זאל נישט עסן פון קיין שום אויבנדערמאנטע PRE WASHED ירקות, כאטש ס'שטייט אויף זיי ארויסגעשריבן אז זיי זענען געוואשן און מ'מעג זיי עסן אן קיין בדיקה. און דאס איז אן קיין צווישנשייד פון די קאמפאניס און פירמעס, און אט אזוי ווי ס'איז געווארנט און ארויסגעשריבן געווארן אינעם אויבנדערמאנטן אויפרוף...

די רבנים שרייבן נאך ווייטער איבער דעם ענין און פירן אויס, אז אין דעם כלל גייען נישט אריין די ROMAINE LETTUCE וואס וואקסן אין די GREENHOUSES, אדער די CABBAGE ICEBERG LETTUCE,, אויב זיי שטייען אונטער אן ערליכע השגחה פון חשוב'ע רבנים שליט"א. לגבי די דאזיגע גרינצייג זאל יעדער טון ווי זיין מורה הוראה לערנט אים. אבער די PRE WASHED LETTUCE אפילו זיי זאלן פארמאגן א הכשר זענען זיי נישט מותר אן קיין געהעריגע בדיקה.

אויפ'ן קול קורא האבן אונטערגעשריבן אכצן רבנים שליט"א, פון די גדולי הרבנים אין ניו יארק, וועלכע האבן איינשטימיג באשלאסן על פי התורה ווי אויבדערמאנט. אין צוגאב צו די דאזיגע אונטערשריפטן, האבן נאך עטליכע רבנים שליט"א שפעטער צוגעלייגט זייער אונטערשריפט, אויפרופנדיג דעם חשוב'ן ציבור שיחיו צו זיין געווארנט דערין.

דער קול קורא האט געשאפן א שטארקע אפקלאנג, און ס'איז צו ערווארטן אז דער ציבור חרדישע אידן וועט זיך היטן וואס זיי נעמען אריין מויל, כדי נישט נכשל צו ווערן אין עסן שרצים, און די אכילת מרור זאל ח"ו נישט זיין קיין מצוה הבאה בעבירה.

ולמזהיר ולנזהר שלומים תן כמי נהר. ○